ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## מצורע

**(חלק יז — שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

שנת המאה ועשרים להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות — שבוע פרשת מצורע, ב־ח ניסן, ה׳תשפ״ב (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2022
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# מצורע ב

א. אין פסוק[1] „וכלי חרש אשר יגע בו הזב ישבר וכל כלי עץ ישטף במים", שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „וכ־לי חרש אשר יגע בו הזב", און איז מפרש: „יכול אפילו נגע בו מאחוריו וכו' כדאיתא בתו"כ[1*] עד איזהו מגעו שהוא ככולו[2] הוי אומר זה היסטו".

דארף מען פאַרשטיין: וואָס איז דאָ שוועך אין פשש"מ וואָס צוליב דעם איז רש"י מפרש די ווערטער „יגע בו" לויט דרשת חז"ל אין תו"כ — און ניט אַז „יגע בו" איז כפשוטו, אַז דאָס מיינט נגיעה און יעדע נגיעה, אפילו מאחוריו?

איז די הסברא אין דעם: מ'קען דאָ ניט טייטשן אַז „יגע בו" מיינט נגיעה ממש, וויבאַלד אַז מ'האָט שוין פריער (אין פ' שמיני[3] ביי טומאת שרץ) אַרויסגעלערנט — ווי רש"י זאָגט דאָרט — אַז „אין כלי חרס מיטמא אלא מאוירו", און דעריבער קען מען שוין דאָ ניט טייטשן אַז „וכלי חרש אשר יגע בו" זאָל טמא ווערן דורך אַ נגיעה „מאחוריו"; היות אָבער אַז מ'קען מחלק זיין: דוקא דאָרטן ביי טו־מאת שרץ, וואָס איז אַ טומאה קלה, איז „אין כלי חרס מיטמא אלא מאוירו", משא"כ ביי טומאת זב וואָס איז אַ טומאה חמורה (ס'איז מטמא במשכב ובמושב) קען אַ כלי חרש יע טמא ווערן דורך נגיעה „מאחוריו", און יגע בו מיינט דאָ כפשוטו —

איז דעריבער, כדי צו באַוואָרענען מ'זאָל ניט אָננעמען דעם חילוק (בפרט אַז דאָס איז מער מתאים לפשש"מ) איז רש"י מעתיק פון פסוק [ניט נאָר די ווערטער (וועלכע ער איז מפרש) „יגע בו", נאָר אויך די ווערטער וואָס זיינען מבליט דעם חילוק הנ"ל] „וכלי חרש אשר יגע בו הזב", און זאָגט: „יכול אפילו נגע בו מאחוריו (וויבאַלד דאָ רעדט זיך וועגן טומאת זב) וכו' כדאיתא בתו"כ" — [דער המשך אין תו"כ איז: „ודין הוא ומה אם מת החמור לא טימא כלי חרס מאחוריו, הזב הקל אינו דין שלא יטמא כלי חרס מאחוריו. לא אם אמרת במת שאינו עושה משכב ומושב וכו' ת"ל אשר יגע בו ולהלן[4] הוא אומר אשר תבושל בו מה בו האמור להלן מאוירו אף כאן מאוירו"],

לפי"ז ווערט דאָך די שאלה: אויב נגיעה „מאחוריו" איז ניט מטמא, איז וואָס מיינט „יגע בו"?[5] — אויף דעם ברייננגט רש"י דעם סיום פון תו"כ: „איז־הו מגעו שהוא ככולו הוי אומר זה היסטו".

ב. מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין — ממנ"פ: אָדער רש"י האָט געדאַרפט מעתיק זיין דעם תו"כ אינגאַנצן (אויף די ראי' אַז „יגע בו" קען ניט מיינען „מאחוריו"); און אויב רש"י פאַרלאָזט זיך אַז מ'וועט אַליין נאָכקוקן אין תו"כ — האָט ער אויך ניט געדאַרפט מעתיק

1) פרשתנו טו, יב.

1*) עה"פ.

2) בפי' רבינו הלל ובקרבן אהרן גרסי בתו"כ שם: „בכולו". וכ"ה בדפוס ראשון דרש"י. ובס' זכרון לרש"י כאן: בכולו בבי"ת גרסינן.

3) יא, לג.

4) צו ו, כא.

5) כי אין לומר ד„יגע בו" פירושו שיגע בתוכו, שהרי אין צריך שיגע, כי מטמא מאוירו — ראה גו"א כאן.

זיין דעם סיום („איזהו מגעו וכו'"), נאָר ענדיקן זיין פירוש מיט די ווערטער „כדאיתא בתו"כ" [וע"ד פירושו אין פ' ויקרא[6]: „וא"ת מקרא שלא לצורך הוא כבר נדרש הוא בתו"כ"]?

בפשטות וואָלט מען געקענט פאַר־ענטפערן: דאָס וואָס רש"י ברייגנגט דעם סיום „איזהו מגעו וכו'" איז ווייל דער־מיט איז געגעבן דער טייטש פון „יגע בו" (— היסט); משא"כ דער פריערדיקער המשך פון תו"כ, וואָס זיין תוכן איז בלויז אַ לימוד וראי' אַז כלי חרש „אינו מיטמא מאחוריו", דעריבער ברייגנגט ער עס ניט און פאַרלאָזט זיך אַז מ'וועט אַליין מעיין זיין אין תו"כ.

ס'איז אָבער שווער אַזוי צו זאָגן — וואָרום (ווי גערעט כמה פעמים) אַלץ וואָס איז מוכרח צו הבנת פשוטו של מקרא ברייגנגט רש"י אַרויס קלאָר פאַר אַ בן חמש און מפורש; און וויבאַלד אַז דער פירוש פון „יגע בו" קען מיינען אויך נגיעה „מאחוריו", האָט דאָך רש"י גע־דאַרפט שרייבן בפירוש דעם ענין וואָס איז מכריח צו מפרש זיין ניט אַזוי — און ניט פאַרלאָזן זיך אויף ציון צום תו"כ [ובפרט, אַז דער תו"כ לערנט עס אָפּ פון אַ גז"ש — און ניט פון פשטות הכתובים[7]].

מוז מען זאָגן, אַז לויט פשוטו של מקרא איז די ראי' (ניט פון דער גז"ש „בו — בו" וואָס ווערט ניט געבראַכט אין פרש"י, נאָר) פון די ווערטער וואָס רש"י איז מעתיק בפירוש פון תו"כ [און דאָס וואָס ער זאָגט „וכו' כדאיתא בתו"כ" איז נאָר לתוס' ראי' וביאור (כדלקמן), און דערפאַר איז ער זיך מסתפק מיט'ן רמז „וכו' כדאיתא בתו"כ"].

ג. לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז מ'לערנט עס אָפּ פון טומאת מת — וואָס איז אויך אַ טומאה חמורה ביותר, און פונדעסטוועגן איז עס ניט מטמא אַ כלי חרס מאחוריו — ווי מ'וועט ווייטער לערנען אין פ' חוקת[8] — פאַרשטייט מען דערפון אַז אויך אַ זב (וואָס איז ניט אַזוי חמור ווי מת) איז ניט מטמא אַ כלי חרש מאחוריו.

און דאָס איז כוונת רש"י אינעם מציין זיין צום תו"כ: ער מיינט ניט די גז"ש „בו — בו", נאָר דעם ק"ו וואָס ברייגנגט זיך דאָרטן — „ומה אם מת החמור לא טימא כלי חרס מאחוריו הזב הקל אינו דין שלא יטמא כלי חרס מאחוריו" (וואָס ק"ו — איז אַ סברה פשוטה, פשש"מ[8*]). און הגם אַז דער תו"כ פרעגט אָפּ דעם ק"ו, ווייל אויך ביי זב איז דאָ אַ חומרא („עושה משכב ומושב") וואָס איז ניטאָ ביי מת — מיינט עס נאָר אַז „שקולים הם" (אַז יעדער האָט אַ חומרא לגבי דעם צווייטן), און לויט פשוטו של מקרא[9] איז דאָס אַ טעם אַז זיי זאָלן זיין „שקולים" אויך אין דעם דין פון ניט מטמא זיין אַ כלי חרס מאחוריו.

[און דאָס וואָס רש"י איז מציין צו תו"כ — און ניט צום פסוק (פשש"מ) אין

---

6) ה, יט. וראה פרש"י שם ג, יז [ובראב"ם שם: ולא ידעתי למה לא הביא הרב כל המדרש שבפסוק הזה כו'. וראה משכיל לדוד שם] ועד"ז בכ"מ.

7) אף שגם גז"ש הוא לימוד בפשש"מ, כדמוכח מזה שהובאו בפרש"י עה"ת (לדוגמא: משפטים כא, ו. ועוד) — מ"מ מובן, שאי"ז לימוד פשוט כ"כ כפירוש הפשוט של הכתוב, גם לא כלימוד בק"ו. גם יש בלימוד בגז"ש ע"ד הפשט תנאים ע"ד שישנם בלימוד ע"ד ההלכה. ואכ"מ.

8) יט, טו וברש"י.

8*) ראה פרש"י בראשית א, יב. שם ו, ג. ובכ"מ.

9) משא"כ ע"ד ההלכה, שי"ל שהחומרא ד„עושה משכב ומושב" היא מכריעה וגורמת שכלי חרס יטמא ממנו גם מאחוריו.

פ׳ חוקת, ווייל די הוכחה פון פסוק (א) איז פאַרבונדן מיט אַן אריכות און וואָס (ב) אויך נאָכדעם איז ניט זיכער אַז דער בן חמש וועט פאַרשטיין כדבעי דעם לימוד; אין תו״כ אָבער איז דער לימוד בפירוש ובפירוט].

עס איז אָבער ניט אויסגעהאַלטן — ווייל [לבד זאת וואָס עס בלייבט ניט גלאַטיק: פאַרוואָס שרייבט רש״י ניט דעם הכרח בפירוש, כנ״ל — איז נוסף לזה]:

אַ טמא מת איז דאָך ניט מטמא בהיסט[10] — איז אויב מ׳קען זאָגן אַז דער פסוק „אשר יגע בו״ קומט מחדש זיין אַז אַ זב איז מטמא בהיסט (וואָס איז ניטאָ ביי טומאת מת), פאַרוואָס זאָל מען ניט זאָגן אַז דער חידוש אין „יגע בו״ באַשטייט אין דעם וואָס אַ זב איז מטמא אַ כלי חרס מאחוריו, כאָטש אַז אַ מת קען עס ניט מטמא זיין (און דער פירוש דאַרף זיין עדיף, ווייל לויט עם דוקא וועט מען טייטשן „יגע בו״ כפשוטו)?

ד. לכאורה וואָלט מען געקענט ענטפערן, אַז רש״י׳ס הכרח איז פון סיום הפסוק — „וכל כלי עץ ישטף במים״:

בשלמא אויב „יגע בו״ מיינט היסט, איז מובן דער חידוש אין „וכל כלי עץ״ — אַז ביי זב איז אויך כלי עץ טמא בהיסט; אויב אָבער „יגע בו״ מיינט כפשוטו — אפילו „נגיעה מאחוריו״, און דער פסוק איז דאָ מחדש אַז זב איז מטמא אַ כלי חרש דורך נגיעה מאחוריו — ווערט דאָך לפי״ז קשה: וואָס איז דער חידוש אין „וכל כלי עץ״? אַז אַ כלי עץ ווערט טמא בנגיעה מאחוריו איז דאָך ניט קיין חידוש.

אָבער אויך די הסברה איז שווער איינצולערנען אין פרש״י — ווייל אויב אַזוי, וואָלט דאָך רש״י מעתיק געווען אין דעם דיבור־המתחיל אויך די ווערטער „וכל כלי עץ״, אָדער לכה״פ מרמז זיין זיי מיט׳ן וואָרט „וגו׳״; און ווי־באַלד אַז רש״י טוט עס ניט, איז אַ ראַי׳ אַז ער האַלט עס ניט פאַר אַ הוכחה אַז „יגע בו״ מיינט היסט, וכדלקמן, (אָדער אַז די ראַי׳ וואָס ער ברייננגט איז אַ בעסערע).

ה. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים התמי׳: לכאורה וואָס לערנט אונז דער פריערדיקער פסוק „וכל אשר יגע בו הזב וידיו לא שטף במים וכבס בגדיו ורחץ במים וטמא עד הערב״ — עס שטייט דאָך שוין פריער[11] „והנוגע בבשר הזב יכבס בגדיו ורחץ במים וטמא עד הערב״?

[און דער דין (ווי רש״י איז מפרש) אַז כל זמן וואָס „לא טבל מטומאתו ואפילו פסק מזובו וספר שבעה . . מטמא כו׳״ — איז: (א) קען מען עס אָפּלערנען מיט אַ כל שכן פון דעם דין ביי יולדת[12], וואָס מוז האָבן טבילה (און אפילו נאָך טבילה — „בכל קודש לא תגע״, „ואין שמשה מעריב לטהרה עד שקיעת החמה של יום ארבעים שלמחר תביא את כפרת טהרתה״); (ב) ועיקר: צוליב דעם דאַרף די תורה ניט איבער׳חזר׳ן דעם גאַנצן פסוק, עס וואָלט געווען גענוג צו אַריינשטעלן די ווערטער „וידיו לא שטף במים״ אין פריערדיקן פסוק „והנוגע בבשר הזב״].

און צוליב דער תמי׳ לערנט טאַקע די

10) ראה שבת פג, רע״ב (וש״נ): שלא מצינו לו חבר בכה״ת.

11) פסוק ז׳.

12) לעיל — תזריע יב, ד. פרש״י שם. ובפרש״י שם, ז: מכלל שעד כאן קרוי׳ טמאה.

גמרא[13], אַז דאָס וואָס עס שטייט „וכל אשר יגע בו הזב גו׳" מיינט ניט נגיעה, נאָר – היסט. רש״י אָבער לערנט ווי דער תו״כ, אַז ערשט דער „יגע" פון אונזער (שפעטערדיקן) פסוק מיינט „היסט" – בלייבט דאָך קשה לויט פרש״י: צוליב וואָס שטייט דער פסוק „וכל אשר יגע בו הזב גו׳" (און מ׳זעט ניט אַז רש״י זאָל עס באַוואָרענען)?

נאָר דער ביאור אין דעם: (אויך) לויט פשוטו של מקרא קען שטיין אַ גאַנצער פסוק צוליב איין פרט וואָס ווערט נתחדש אין אים, ובמכש״כ פון דעם וואָס אַמאָל חזר׳ט איבער די תורה אַ גאַנצע פרשה „בשביל דבר שנתחדש בה"[14] [און ווי מיר זעהן גלייך אין פ׳ בראשית[15]: די תורה חזר׳ט איבער נאָכאַמאָל דעם סיפור פון בריאת אדם וחוה צוליב די פרטים וואָס קומען צו אינעם צווייטן סיפור. ועוד[16]].

און דערפאַר איז (בפשש״מ) קיין קו־שיא ניט, צוליב וואָס דאַרף שטיין דער פסוק „וכל אשר יגע בו הזב" – ווייל דאָס שטייט צוליב דעם חידוש פון די צוגע־געבענע ווערטער „וידיו לא שטף במים", וואָס לערנט אונז (ווי רש״י[17] איז מסיים בפירושו – נאָכדעם ווי ער איז מפרש דעם פשט) „שאין בית הסתרים טעון ביאת מים אלא אבר הגלוי כמו הידים".

ו. ווען רש״י קומט אָבער צו אונזער פסוק – וואָס אויך דאָ ווערט שווער: וואָס איז דער חידוש אין פסוק? אַז אַ כלי ווערט טמא דורך נגיעת הזב קען מען וויסן במכש״כ וק״ו פון די פריערדיקע דינים (אַז אַן אדם ווערט טמא בנגיעת הזב; אַז אַ זב איז מטמא אפילו במשכב ומושב וכו׳) –

דאַרף דאָ רש״י באַוואָרענען: „יכול אפילו נגע בו מאחוריו" – וויבאַלד אַז דער פירוש הפשוט פון „יגע בו" איז אפילו „מאחוריו", קען מען דאָך מפרש זיין, אַז דער חידוש באַשטייט אין דעם וואָס אַ „זב" איז מטמא בנגיעה אַ „כלי חרש" אויך „מאחוריו" (וכנ״ל בארוכה);

– און ס׳איז קיין קושיא ניט וואָס אינעם סיום הכתוב „וכל כלי עץ וגו׳" איז ניטאָ קיין חידוש, ווייל, ווי געזאָגט, איז גענוג וואָס דער פסוק טוט אויף אַ חידוש דין נאָר אין איין פרט, אַז (אויך) ביי כלי חרש איז אַ זב מטמא בנגיעה „מאחוריו" –

און לתוס׳ ראי׳ צום „יכול וכו׳" איז רש״י מוסיף „וכו׳ כדאיתא בתו״כ" – וואָס דאַרט זעט מען טאַקע, אַז מצד דער חומ־רא פון טומאת זב איז יש מקום לומר אַז ער איז מטמא אַ כלי חרס מאחוריו (כאָטש אַ מת קען עס ניט מטמא זיין). ד. ה. דאָס וואָס רש״י איז מציין צום תו״כ איז עס (ניט צו דער התחלת ההמשך, צום לימוד אַז אַ זב איז ניט מטמא כלי חרס מאחוריו, נאָר פאַרקערט:) צו דעם סיום (– צוויי־טער סברא אין) המשך התו״כ (עד[*17]

---

13) נדה מג, רע״א. פרש״י שם ד״ה דכתיב.

14) סוטה ג, סע״א. וש״נ. פרש״י נשא ה, ו. וראה פרשתנו יד, כא ואילך. מנחות י, א.

15) ב, ז. שם, כא ואילך.

16) ראה לדוגמא פרש״י בראשית שם, יט.

17) ועפ״ז יומתק דמציין רש״י (בפרש״י דילן) לתו״כ דשולל דרז״ל דנדה (כנ״ל בפנים) – כי לשיטת הש״ס (קידושין כה, א) למדין „שאין בית הסתרים טעון ביאת מים" מפסוק שלאחריו (פסוק יג*). אבל להעיר מתוס׳ קידושין שם סד״ה כל הראוי. מעדני יו״ט לרא״ש הל׳ מקואות (בסוף מס׳ נדה) סכ״ה סק״ג. וראה המקנה קידושין שם.

*) או – פסוק טז. ראה תוס׳ (ומעדני יו״ט) שבפנים ההערה.

*17) וי״ל שזהו הדיוק „עד" (ולא „ומסיים" או כיו״ב).

(ובסמיכות צו[18]) איזהו מגעו") אַז עס איז יע דאָ אַ סברא ("יכול") אַז "אפילו נגע בו מאחוריו"[18*] זאָל עס ווערן טמא (און מהאי טעמא איז ער דערויף נאָר מרמז דורך "וכו'" און ברייינגט עס ניט בפירוש).

און דער הכרח אַז מ'קען אַזוי ניט לערנען, איז פון דעם סיום התו"כ — "איזהו מגעו שהוא ככולו הוי אומר זה היסטו", כדלקמן.

ז. די הסברה אין דעם: נוסף אויף דעם וואָס לכאורה איז דער גאַנצער פסוק איבעריק — זיינען די ווערטער בהתחלת הכתוב "(וכלי חרש) אשר יגע בו הזב" אַ יתור לשון לגמרי: דער פסוק קומט בהמשך צום פריערדיקן פסוק וואָס זאָגט "וכל אשר יגע בו הזב" — וואָלט דאָך געווען גענוג עס זאָל שטיין בקיצור "וכלי חרש ישבר" [ע"ד ווי אין סיום הפסוק "וכל כלי עץ ישטף במים", און עס שטייט ניט (נאָכאַמאָל) "וכל כלי עץ אשר יגע בו הזב ישטף במים"].

איז דעריבער מסתבר צו זאָגן, אַז דער חידוש אין דעם פסוק ליגט אין די ווערטער, אין "יגע בו": "יגע בו" מיינט דאָ אַ נייער אופן אין נגיעה (ניט ווי די נגיעות וואָס שטייען פריער). דער "יגע" איז "בו"[19] — אַ נגיעה אין דער גאַנצער (כללות ה)כלי, און ניט ווי אַ געוויינלעכע נגיעה וואָס איז אין אַ שטח מצומצם פון דער זאַך; ובלשון רש"י: "איזהו מגעו שהוא ככולו הוי אומר זה היסטו", וואָס דורך דעם ווערט "נתנדנד" די גאַנצע כלי.

[משא"כ אויב מ'וועט לערנען אַז דער חידוש פון פסוק איז אין דעם וואָס אַ כלי חרש איז מיטמא מאחוריו — איז דער חידוש נאָר אין די ווערטער "וכלי חרש", אָדער אויך אין דעם וואָרט "בו" — אָבער ניט אין "יגע בו" צוזאַמען].

ח. די הוראה אין עבודת ה':

אַ כלי חרס, וואָס ווערט געמאַכט פון עפר, איז מרמז אויפן מענטשן וואָס "יסודו מעפר"[20] [וכמש"נ[21] "ויצר ה"א את האדם עפר מן האדמה גו'", "כי עפר אתה גו'"[22]]. און אויף דעם זאָגט מען, אַז אַ כלי חרס ווערט ניט טמא מאחוריו: די ענינים פון עוה"ז וואָס ווערן צוגעקלעפּט צום גוף האדם (וואָס דער גוף זיינער ווערט אָנגערופן "אחוריו") קענען ניט מטמא זיין דעם עצם פון אַ אידן;

וואָרום וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן אַזוי, אַז זיין גוף מוז אָנקומען צו אכילה ושתי' ושאר עניני עוה"ז[23], וואָס עפ"י טבע[24] האָט ער הנאה פון זיי[25] — און די עבודה איז דאָך ניט צו ברעכן דעם גוף, נאָר (כתורת הבעש"ט[26]) עס דאַרף זיין "עזוב

18) כי מ"ת"ל אשר כו'" מתחילה המסקנא של תו"כ זה שסיומה "איזהו מגעו".

18*) אלא שצע"ק לשון רש"י "עד איזהו כו'". שמהוספה זו משמע שכוונתו שגם מה שלא העתיק בפירוש מהתו"כ שייך לפשוטו של מקרא. ואולי כוונתו גם להגז"ש "בו" "בו" (לתוספת ראי', שגם ע"ד ההלכה כ"ה דאינו מטמא כלי חרש מאחוריו).

19) ראה גם באר מים חיים (לאחי המהר"ל) כאן.

20) פיוט ונתנה תוקף.

21) בראשית ב, ז.

22) שם ג, יט.

23) ראה תניא (פי"ג) בנוגע לבינוני — "נתחזק יותר בהמשך הזמן שנשתמש בו הרבה באכילה ושתי' ושאר עניני עוה"ז". והרי "מדת הבינוני היא מדת כל אדם ואחרי' כל אדם ימשוך" (שם רפי"ד).

24) ראה תניא פ"ח.

25) להעיר מד"ה ואתם הדבקים תרפ"ו פ"ה (סה"מ תיש"א ע' 208), דגם הגופים דימות המשיח, מכיון שיולדו ע"י או"א גשמי' בתאוה גשמי' יצטרכו לזיכוך כו', עיי"ש.

26) היום יום ע' כג. הוספות לכתר שם טוב סט"ז. וש"נ.

תעזוב עמו"[27], מאַכן פון זיין גוף וחלקו בעולם אַ דירה לו ית' (בתחתונים) — איז ער ניט שולדיק אין דעם וואָס עס האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט ענינים פון עוה"ז, חאָטש אַז סוף סוף דאַרף ער ריין ווערן פון זיי[27*].

[במה דברים אמורים — אויב ער האַלט זיך ווי דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן — אַ כלי חרס (וואָס ווייזט אויף ביטול); אָבער אויב ער האַלט זיך ווי אַ כלי עץ — ער איז ביי זיך אַ צעוואַקסענע מציאות (ווי אַן עץ וואָס וואַקסט), אָדער ווי אַ כלי מתכת — ער איז האַרט אין זיין ישות ווי אַ מתכת, איז וויבאַלד אַז ער איז שוין ניט אין דעם ציור ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן, ווערט ער דעמאָלט טמא אויך „מאחוריו"].

און אויף דעם זאָגט רש"י „יכול אפילו נגע בו מאחוריו": מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז אַ טומאה חמורה ווי זב איז מטמא אידן, ח"ו, אפילו „מאחוריו" — וואָרום דער ענין הזיבה איז ניט אַן ענין טבעי ווי דם נדה[28], נאָר אַ חולי הגוף — דם מערער ווי עס דאַרף זיין מצד טבע העולם. ובעבודת האדם: דם נדה איז דער רע וואָס איז דאָ מצד טבע ביי אַ אידן, „כי יצר לב האדם רע מנעוריו"[29]; דם זיבה איז דאָס וואָס מגרה יצרו עליו נאָכמער ווי דער יצה"ר איז אים מבלבל מצ"ע[30], ובלשון החינוך[31]: „ענין הזיבה יקרה באדם בצאתו מדרך היושר בהתמדה במאכליו וכו'".

און דעריבער וואָלט מען געקענט מיינען אַז אין דעם פאַל ווערט דער מענטש („כלי חרס") טמא אפילו „מאחוריו" — וויבאַלד אַז ער פאַלט דורך אין אַזאַ רע וואָס איז ניט מוכרח מצד טבע האדם.

אויף דעם זאָגט (דער תו"כ ו)רש"י אַז עס איז ניט אַזוי: ווען די נגיעת הזב איז „מגעו שהוא ככולו", עס רירט אָן אין כללות האדם, קען דער „כלי חרס" טמא ווערן (אפילו „מאחוריו"); אָבער סתם אַ נגיעה, אפילו פון אַ זב, קען ניט אָנרירן דעם עצם פון אַ אידן, וכפסק דין הרמב"ם[32], אַז אפילו אַ איד וואָס מ'דאַרף אים כופה זיין צו טאָן אַ מצוה, איז עס (די כפי') נאָר מצד זיין חיצוניות — „יצרו הוא שתקפו"; אָבער אויך דאַן, איז בפנימיותו „רוצה להיות מישראל ורוצה הוא לעשות כל המצות",

און דורך דער כפי' ווערט אַראָפּגענומען דעם אבק וואָס איז מכסה ומעלים אויף דעם רצון האמיתי פון דעם אידן, עס ווערט נתגלה דער „אמת ה'" (אויך „לעולם"[33]), אַז אַ איד זאָגט „רוצה אני" — „להיות מישראל" און „לעשות כל המצות".

(משיחות ש"פ מצורע תשל"ו)

27) משפטים כג, ה.

*27) ראה תניא פ"ח.

28) לאחרי חטא עה"ד — עירובין ק, ב.

29) נח ח, כא.

30) ראה בכ"ז לקו"ש ח"ז ע' 317 ואילך. לקו"ש חי"ד ע' 8־26. וש"נ.

31) מצוה קעח.

32) הל' גירושין ספ"ב.

33) תהלים קיז, ב. וראה לקו"ת דרושים לשמע"צ ד"ה ביום השמע"צ (הא') פ"א.